# אריינפיר

שלום וברכה!

ברוכים הבאים צו חיילי צבאות ה'. דער אָפּטיילונג פון צבאות השם פאַר "תמימים" וואס האבן זוכה געווען צו זיין תלמידים אין רבינ'ס ישיבה.

דער רבי האט אונז געזאגט אז מיר קומען איצטער אריין אין דער צייט פון גאולה און די חיילי צבאות ה' מוזן זיך באנוצן מיט זייערע כחות צו זעהן די גאולה בפּועל ממש.

א סאלדאט וועלכער גייט אויפן פראנט מלחמה צוהאלטן מיטן שונא האט אויף זיך א גרויס אחריות און מוז אלעמאל געדענקען די אחריות וואס ער האט אויף זיך. ער מוז זיך שטענדיק פיהרן לויטן סדר וואס איז איינגפירט אין ארמיי.

ער מוז שטענדיק טראגן א "מונדיר" (יוניפארם) וואס דאס ווייזט אז ער נעמט אויף זיך דעם יאך פון זיין "קאמאנדיר אין טשעיף" און דארף פאלגן אלע זיינע אנווייזונגען (הוראות).

א סאלדאט אין דעם אויבערשטן'ס ארמיי דארף אלעמאל טראגן זיין יארמולקע און טלית-קטן, זיך אויפפירן מיט יראת-שמים און מדות טובות, זיך משתדל זיין צו מקיים זיין מצוות בהידור ווי עס פּאסט פאר א חסיד און אלעמאל געדענקען די גרויסע אחריות וואס ער טראגט אויף זיך.

ווען ער געפינט זיך אין ישיבה מוז ער זיך גוט צוטראגן צום לערנען און זיך אויפפירן מיט די בעסטע הנהגה מיט דרך-ארץ ווי עס פּאסט פאר א חייל פון צבאות ה'.

ער דארף דאווענען ווי א חסידישער בחור. אין א טאג ווען ער דאוונט ניט אין ישיבה זאל ער גיין אין שוהל און זיך באמיהען צו דאווענען מיט א מנין. און ער דארף זיך אויפפירן אין שוהל מיט'ן געהעריקן דרך-ארץ.

א סאלדאט דארף זיין געזונט און שטארק בגשמיות, און געוויס אין רוחניות. בגשמיות מיינט זיך לייגן אין די ריכטיקע צייט, צו עסן געזונטע נארהאפטיקע שפייז אין די באשטימטע צייטן און אין אלגעמיין אכטונג געבן

אויפן גוף. ברוחניות מיינט צו זיין אפגעהיט אין תורה ומצוות, מדות טובות און דרכי החסידות.

און ווען מיר וועלן זיך פיהרן ווי געהעריקע חיילי צבאות ה' זיינען מיר פארזיכערט אז מיר וועלן זוכה זיין צו די גאולה תיכף ומיד ממש.

~ ~ ~

בכדי אונז ארויסצוהעלפן אין אונזער ארבעט איז צוגעגרייט געווארן פאר חיילי צבאות ה' א טאג-בוך ("דייערי") אין וועלכן מ'קען פארצייכענען די גוטע זאכן וואס מ'האט געטאן במשך דעם טאג און באמערקן דאס וואס מען דארף נאך אויפטאן.

דאס וועט אונז העלפן מאכן א חשבון הנפש.

א חשבון הנפש מיינט אז א מענטש מאכט א חשבון פון אלץ וואס מ'האט געטאן, מ'זעט צי מען האט אויסגענוצט די צייט ווי געהעריג, מ'זעט וואס מ'דארף פאריכטן, צי דאס איז אין דאווענען, לערנען, שמירת הזמן, אהבת ישראל, התקשרות און יעדער זאך וואס דארף זיין ביי א חסידישער בחור. דורך דעם חשבון הנפש ווייס מען וואו מען האלט און מען נעמט אויף זיך צו דינען דעם אויבערשטן מארגן מיט א גרעסערער חיות ווי היינט און צו ממלא זיין אלעס וואס מען האט פארפעלט אין דעם פארגאנגענעם טאג.

א חשבון הנפש קען מען אלעמאל מאכן, אבער די צייט פאר דעם איז ביינאכט איידער מ'גייט שלאפן בא קריאת שמע שעל המטה.

~ ~ ~

אין דעם טאג-בוך איז געדרוקט ביי יעדן טאג דעם היום יום, ספר המצוות, הלכות ומנהגים, ימי חב"ד ווי אויך פארשידענע אויסצוגן פון דעם רבינ'ס שיחות און בריוו וועלכע מ'קען אדורכלערנען אליין, מיט א חבר אדער מיט אן עלטערן.

צום סוף פון יעדע וואך איז פאראן א בלאט אין וועלכן מ'קען מאכן א סך-הכל פון אלעס וואס מ'האט אויפגעטאן במשך די פארגאנגענע וואך.

צום סוף פון יעדע חודש איז פאראן א בלאט אין וועלכן מ'קען מאכן א סך-הכל פון אלעס וואס מ'האט אויפגעטאן במשך די פארגאנגענע חודש.

דערנאך איז פאראן א דו"ח (דין וחשבון) צו לאזן וויסן דעם רבי'ן וואו מיר האלטן אין אונזער עבודה און האבן א נחת-רוח.

# אינהאלט

## מודה אני

דורך זאגן מודה אני גלייך אז מיר שטייען אויף פון שלאף פארשטארקן מיר אונזער יראת שמים.

דעריבער גלייך ווען מיר שטייען אויף אינדערפרי באמערקן מיר גלייך אז דער אויבערשטער שטייט לעבן אונז, און מיר דאנקען אים אפ אויף דעם וואס ער האט אונז צוריק געגעבן אונזער נשמה כדי מיר זאלן קענען דורכפירן אונזער הייליקע פליכט – צו ברייגען משיח.

מען פירט זיך צו זאגן מודה אני זיצנדיק אויפ'ן בעט האלטנדיקביידע הענט צוזאמען.

## נעגל וואסער

ווען א מענטש שלאפט, קלעפט זיך צו צו אים א טומאה, און אז ער שטייט אויף פון שלאף גייט די טומאה אוועק אבער זי בלייבט איבער אויף די הענט. דעריבער, כדי טהור צו מאכן אונזערע הענט פון די טומאה, גיסן מיר נעגל וואסער.

נעגל וואסער דארף מען וואשן איידער מ'גייט ארויס פון בעט און פארדעם וואס מען גייט פיר אמות.

## הכנות - (צוגרייטונג)

מיר גרייטן צו אונזער גוף זי זאל זיין ריין צו דינען דעם אויבערשטן: מיר גייען אין בית הכסא, מיר פוצן אונזערע ציינער אדער מיר שווענקען אויס די מויל, (וועלכע גייט באלד דערמאנען דעם אויבערשטנ'ס נאמען), און מיר טוען אָן אונזערע קליידער אנהויבנדיק מיט דער רעכטער זייט. די שיך דארף מען אנטאן פריער אויפן רעכטן פוס אבער מען פארבינדט פריער די לינקע שוך און דערנאך די רעכטע.

## נטילת ידים

ווען מיר זיינען פולשטענדיק גרייט אנצוהויבן אונזער טאג און צו דינען דעם אויבערשטן, גיסן מיר נאכאמאל נעגל וואסער - אבער דעם מאל מיט א ברכה.

## ברכות

נאך נטילת ידים דאנקען מיר גלייך אפ דעם אויבערשטן פאר אלע גוטע זאכן וועלכע ער האט אונז געגעבן, און דאס

פארשטארקט אונזער ליבשאפט צו אים.
ברכות דארף געזאגט ווערן פון א סידור און דארף געזאגט ווערן איידער מ'עסט, מ'טרינקט, אדער מ'זאגט ווערטער פון תורה.

## בדיקת הציצית

איידער מיר מאכן א ברכה אויף אונזערע ציצית דארפן מיר זיי פריער גוט איבערקוקן צו זען אז אלע קניפלאך זיינען פארקניפט, און אז אלע אכט פעדים זיינען גאנצע. א מונדיר (יוניפאָרם) מוז זיין ריין און שיין.

## קריאת שמע

דער פונדאמענט פון א סאלדאט איז אז ער נעמט אן דעם יאך (קבלת עול) פון דעם וועלכער איז העכער פאר אים. דורך דעם וואס מיר ליינען קריאת שמע אינדערפרי נעמען מיר אן אויף זיך דעם יאך פון אויבערשטן.
קריאת שמע מוז געזאגט ווערן פאר זמן קריאת שמע.
דער זמן קריאת שמע בייט זיך כמעט יעדער טאג. זעט אין אייער טאג-בוך (דייערי) פאר היינטיקער זמן.
נאך קריאת שמע קען מען שוין כאפן א ביסן אדער א טרונק און צוגרייטן זיך פאר דעם נעקסטן שלאכט-פעלד (באַטל).

## ברכה ראשונה ואחרונה

בכדי אַז דאָס וואָס מען עסט זאָל אונז געבן רוחניות'דיקע ענערגיע דאַרף מען מאַכן אַ ברכה אַזוי איז פאַראַן די שם ומלכות אויף די עסנוואַרג, ברכת המזון איז די איינציקע ברכה וועלכע איז מן התורה.

## צדקה

ווען מיר דאוונען צום אויבערשטן בעטן מיר בא אים אז ער זאל איוף אונז רחמנות האבן און אונז געבן אלע אונזערע באדערפעונישן. דעריבער גיבן מיר צדקה פארן דאוונען צו דערוועקן דעם אויבערשטנ'ס רחמים, אז ער זאל ערפילן אלע אונזערע בקשות.

## תפילה

איינע פון די וויכטיקסטע זאַכן אין דעם טאָג פון אַ חסיד איז דער דאַוונען. מען קוקט אַריין אין סידור אַ גאַנצע צייט. מען זאָגט יעדער וואָרט הויך און קלאָר. מען טראַכט פירוש המילות דעם גאַנצן דאַוונען. צו זיך אין דעם איינגעוואוינען פאַנגט מען אָן מיט איין חלק אויף אַ מאָל מען טוט מער און מער ביז מען קען טאָן דעם גאַנצן דאַוונען.
דער רבי האָט געהייסן אַז קינדער

דאַרפן מאַכן זיכער זאָגן הריני מקבל פאַר'ן דאַווענען און אך צדיקים נאָכן דאַווענען.

מען זאָגט קרבנות פאַר שחרית און מנחה.

ווען מען גייט ניט אין ישיבה גייט מען דאַווענען אַלע תפלות מיט אַ מנין.

## חת"ת

אז מ'לערנט חת"ת באוואפנט מען זיך זייער גוט. זי רייניקט זיך אויס און שרעקט אפ אלע קעגנערן וואס קומען אין אונזער וועג.

**חומש:** צו לערנען די גאנצע שיעור חומש מיט רש"י איז דאס בעסטע. מ'קען אבער אויך אנהויבן צו לערנען ביסלעכווייז, וויפיל ס'איז מעגליך, און מיט דער צייט לערנען מער.

**תהלים:** נאכן דאווענען זאגן מיר דעם רבי'נס קאפיטל, אונזערער קאפיטל און דעם שיעור פון דעם יום.

**תניא:** ס'איז כדאי אפלערנען תניא פארן דאווענען, דאס הייסט פאר "הודו". טאמער נישט זאגט מען דאס במשך דעם טאג.

## היום יום

היום יום איז "חסידישע פתגמים" וועלכע זיינען צוזאמענגעקליבן געווארן דורכן רבי'ן - א חסידישער פתגם פאר יעדן טאג. דורך דעם וואס מיר לערנען היום יום אלע טאג פארשטארקט דאס אונזער התקשרות מיט'ן רבי'ן.

## רמב"ם - ספר המיצות

דער רבי האט מתקן געווען אז אלע אידן זאלן לערנען רמב"ם, וואס דורכדעם קומען אלע צוזאמען באחדות ווען זיי לערנען די זעלבע הלכות, און דורכדעם וואס מען לערנט אדורך דעם "יד החזקה" לערנט מען וועגן אלע הלכות שבתורה.

אין "ספר המצוות" זיינען אויסגערעכנט בקיצור אלע תרי"ג מצוות וועלכע ווערן נתבאר באריכות ובפרטיות אין ספר "יד החזקה".

דערפון איז פארשטאנדיק די וויכטיקייט פון דעם אז יעדער אידיש קינד זאל לערנען אמוויינקסטנס דעם טעגלעכן שיעור אין ספר המצוות.

## ישיבת ערב

יעצט איז די צייט צו איבער חזר'ן דאס וואס מ'האט געלערנט במשך דעם טאג אין ישיבה, און פאראיינציקן זיך מיט די תורה.

## הכנות הלילה

מ'גרייט זיך צו גייען שלאפן ווי א אידישער סאלדאט כדי

אויפצושטיין ווי א אידישער סאלדאט אין די פאלגענדע וועג.

## נעגל וואסער

מיר גרייטן צו נעגל וואסער לעבן אונזער בעט כדי אז ווען מיר שטייען אויף זאלן מיר קענען אפגיסן נעגל וואסער איידער מיר גיין ארויס פון טאג.

## קריאת שמע - המפיל

מ׳מאכט דעם טעגלעכן חשבון הנפש אין וועלכן מ׳באטראכט אלץ וואס מ׳האט געטאן אין משך פון דעם טאג, און מ׳נעמט אן צו טאן נאך בעסער אין דעם קומענדיקן טאג.

קריאת שמע זאל געלייענט ווערן פון א סידור, און מ׳זאל לייענען גאנץ קריאת שמע.

דער רבי ברענגט אין ״היום יום״ בשם הוד כ״ק אדמו״ר מוהרש״ב נ״ע: ״קריאת שמע שעל המטה איז אין זעיר אנפין ווי דער ווידוי וואס קודם צאת הנשמה מהגוף, נאר יעמאלט גייט מען שוין אינגאנצן אוועק פון יריד און עס ענדיקט זיך שוין דער מסחר פון היום לעשותם און אין קשמעהמ״ט פון יעדער נאכט האלט מען נאך אין מיטן יריד, און מען קען נאך אויפטאן״.

## ציצית

זיכער שלאפן מיר מיט א טלית קטן, א סאלדאט געדיינקט דאך שטענדיק ווער ער איז.

# ערב שבת

## שנים מקרא וא׳ תרגום

ערב שבת איז מען מעביר די סדרה שמים מקרא ואחד תרגום, דאס מיינט אז מיר לייענען יעדער פסוק צוויי מאל און דערנאך דעם תרגום איין מאל. טאמער ס׳איז ניט מעגליך צו לייענען די גאנצע פרשה, לייענט מען וויפיל ס׳איז מעגליך (ביז שלישי, אדער ביז רביעי).

## מקוה

מיר גיין זיך טובל זיין אין מקוה, וועלכער מאכט אונז ריין און מער קדושה׳דיק לכבוד שבת.

## הכנות לשבת

פונקט אזוי ווי ווען א חשובער אורח קומט צו פארן רייניקן מיר אויס די שטוב זי זאל זיין זויבער ריין, אזוי אויך רייניקן מיר אויס די שטוב פאר אונזער חשוב׳ער אורח ״דער שבת״. מיר לייגן אלע זאכן אויף אן ארט, דארט וואו זיי באלאנגען, און מיר גרייטן צו געשמאקע מאכלים.

## איבעריקע צדקה פאר שבת

וויבאלד מיר גיבן נישט צדקה אום שבת, דעריבער זיינען מיר מוסיף אין צדקה ערב שבת, צו פארטרעטן די צדקה פון שבת.

## הודו - פתח אליהו

דאס ווערט געזאגט ערב שבת אלץ הכנה צו די תפילה פון מנחה.

# שבת קודש

## דבר תורה

ס'איז וויכטיק אז בא דעם שבת טיש זאל געזאגט א דבר תורה אדער א חסידישער ווערט.
דער רבי ברענגט אין "היום יום" בשם הוד כ"ק אדמו"ר מוהרש"ב נ"ע: "א חסידישער ווארט מאכט קלאר די קאפ און ריין די הארץ".

## חסידישער ניגון

מיר זינגען א חסידישער ניגון בא די טיש, צו פארשטארקערן אונזער שמחה. א חסידישער ניגון דערהויבט אונז צו א העכערע און ליכטיקערע וועלט. און ווי דער רבי ברענגט אין "היום יום" בשם הוד כ"ק אדמו"ר מוהרש"ב "...א חסידישער ניגון שטארקט די תקוה ובטחון, ברענגט שמחה און שטעלט אוועק די הויז מיט הויגעזינד בקרן אורה".

## דאווענען מיט א מנין

מאכט זיכער צו קומען אין צייט צו שול כדי צו קענען דאווענען מיט'ן מנין.

## קריאת התורה

הער זיך איין גוט צו דעם ליינען פון דעם בעל קורא. מ'טאר נישט ריידן בשעת דער בעל קורא לייענט די תורה, מ'טאר אין יענע צייט אפילו נישט לערנען.

## הפטרה

מען דארף הערן די הפטרה און אויב מען וויל קען מען מיטזאגן שטילערהייט מיטן בעל מפטיר. טאמער ס'איז שווער צו הערן די הפטרה זאל מען שטילערהייט לייענען די הפטרה פאר זיך.

## ולקחת סלת - שש זכירות

לכבוד שבת האט מען געבראכט די לחם הפנים. דעריבער זאגן מיר אויף שבת די פרשה פון די לחם הפנים. ס'הויבט זיך אן מיט די ווערטער "ולקחת סלת", און ס'געפינט זיך אין סידור אין מוסף, נאך דעם שבת'דיקן עלינו. אויכעט אויף שבת איז וויכטיק צו זאגן די שש זכירות. די שש זכירות זאגט מען נאך תהילים.

# כסלו מישאן פלאנער

**די קומעדיקער בעלעטטר גייען א דורך יעדער זאך אפ'ן "טשעקליסט" און איז זיי מזכיר בפרטי פרטיות.**

## טעגלעכע מישאנס

☐ **מודה אני**

מיר זאָגן "מודה אני" – זיצנדיק אויפן בעט מיט די הענט צוזאַמען אין פראָנט.

☐ **נעגל וואַסער**

מיר וואַשן זיך "נעגל וואַסער" – איידער מיר לייגן אַראָפּ די פיס אויף דער ערד.

☐ **הכנות**

מיר גייען אין בית הכסא, מיר פוצן אונזערע ציינער אדער מיר שווענקען אויס די מויל

☐ **נטילת ידים**

מיר וואַשן די הענט אַ צווייטן מאָל אין קיך (נישט אין באַד-צימער) נאָכן זיך אָנטאָן, איידער מיר זאָגן ברכות.

☐ **איבערקוקן די ציצית**

מיר קוקן איבער די ציצית זייער פאָרזיכטיג, און מאַכן זיכער אַז עס זיינען דאָ 5 קניפּן, גוט פאַרקניפּט, און 8 שנירלעך (פעדים).

☐ **ברכות השחר**

מיר זאָגן ברכות – שטייענדיק, פון אַ סידור, פאַרן עסן און טרינקען.

☐ **מקוה**

מיר גייען אין מקוה אַלץ הכנה צום דאַוונען

○ מאָנטיג און דאָנערשטיג.

○ יעדן טאָג.

☐ **קריאת-שמע**

מיר זיינען זייער פאָרזיכטיק און מאַכן זיכער צו לייענען קריאת-שמע, פאַרן סוף זמן.

☐ **צדקה**

○ געבן צדקה יעדן טאָג.

○ ווען מיר גיבן צדקה – האָבן מיר אין זינען, אַז דאָס זאָל ברענגען משיח נעענטער.

☐ **תפלה**

○ מען זאָגט קרבנות פאַר שחרית און מנחה.

○ ווען מען גייט ניט אין ישיבה גייט מען דאַוונען אַלע תפלות מיט אַ מנין.

○ מען קוקט אַריין אין סידור

און זאָגט יעדער וואָרט הויך און קלאָר.

○ מען טראַכט פירוש המילות.

### ☐ שש זכירות

מיר מאַכן זיכער צו זאָגן די "שש זכירות" יעדן טאָג נאָכן דאַווענען שחרית.

### ☐ היום יום

מיר מאַכן זיכער אַז מיר פאַרשטייען די אָפּלערנונג פון דעם "היום יום" וואָס דער רבי האָט צוגעגרייט ספּעציעל פאַר דעם טאָג.

### ☐ ברכות אויפן עסן:

○ **ברכה ראשונה**

מיר מאַכן אַ ברכה פאַרן עסן און טרינקען.

○ **ברכה אחרונה**

מיר מאַכן אַ ברכה נאָכן עסן - פון סידור.

### ☐ ישיבת ערב

אין אָווענט נאָך ישיבה לערנען מיר.

○ דריי מאָל אַ וואָך

○ יעדער אָווענט

### ☐ צוגרייטן נעגל וואַסער

מיר גרייטן אַליין צו נעגל וואַסערביים בעט.

### ☐ קריאת שמע על המטה - המפיל

מיר לייענען קריאת שמע על המטה און די ברכה "המפיל" - פון אַ סידור.

### ☐ ציצית

מיר טראָגן וואָלענע ציצית אויך ביים שלאָפן.

## שיעורים

### חומש

○ מיר מאַכן זיכער יעדן טאָג צו פאַרשטיין די פרשה חומש .

○ מיר לערנען חומש מיט אַ טייל רש"י.

○ מיר לערנען חומש מיט אַלע רש"י.

### תהלים

○ ביים זאָגן תהלים פון דעם יום, מאַכן מיר זיכער צו זאָגן יעדער וואָרט.

### תניא

○ מיר זאָגן די תניא פון דעם טאָג פאַר'ן דאַווענען.

○ מיר לערנען תניא און פאַרשטיין עס.

### רמב"ם

#### ספר המצוות

○ מיר לערנען יעדן טאָג פון ספר המצוות, און מאַכן זיכער צו פאַרשטיין גענוי וועגן וואָס איז די מצוה.

**איין פרק**

O ווען מיר האָבן אָנגעהויבן פאַרשטיין ספר המצוות, האָבן מיר זיך אָנגענומען לערנען אַ פרק רמב"ם יעדן טאָג.

**דריי פרקים**

O ווען מיר האָבן אָנגעהויבן פאַרשטיין איין פרק, האָבן מיר זיך אָנגענומען לערנען דריי פרקים רמב"ם יעדן טאָג.

## וועכנטלעכע מישאנס

**מקוה**

O מיר גייען אין מקוה ערב שבת.

O מיר גייען אין מקוה שבת אינדערפרי פאַר שחרית.

**חסידות אום שבת**

O מיר מאַכן זיכער צו לערנען חסידות שבת אינדערפרי פאַרן דאַוונען.

**דאַוונען מיט אַ מנין אום שבת**

מיר מאַכן זיכער צו דאַוונען שבת אַלע תפילות:

O קבלת שבת.

O שחרית.

O מוסף.

O מנחה - מיט אַ מנין.

**שנים מקרא וא' תרגום**

מיר זיינען מעביר די סדרה מיט תרגום

O ביז רביעי

O די גאַנצע סדרה

**חסיד'ישע ניגונים**

O מיר זינגען שטענדיק ביים שבת-טיש חסידישע ניגונים.

**גמילות חסדים**

דער חודש האָב איך פאַרבעסערט מיינע מידות דורך (איך האָב געהאַט מער געדולט פאַר אַ צווייטן, איך האָב זיך קאָנטראָלירט נישט פאַרלירענדיק מיינע נערוון, איך בין געווען מער פאַרשטענדלעך צו מיינע חברים, איך האָב דן געווען דעם צווייטן לכף זכות).

________________________

________________________

________________________

________________________

דער חודש איך האב געהאלפן מיין חבר דורך:

________________________

________________________

________________________

________________________

________________________

**התקשרות**

דער חודש איך האב מחזק געווען מיין התקשרות צום רבי'ן דורך:

- ○ ליינען א מעשה פון דער רבי.
- ○ זעה'ן א ווידיאו פון דער רבי.
- ○ לערנען עפעס פון דער רבי'ס תורה.
- ○ זינגען א ניגון פון דער רבי.
- ○ אנדער:

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

## מאנאטלעכע מישאנס

**קידוש לבנה**

○ דעם ערשטן מוצאי-שבת וואס מ'זעט די לבנה זאָגן מיר "קידוש לבנה" ברוב-עם און מיר טאַנצן אויף דער גאַס.

**תהלים שבת-מברכים**

- ○ יעדער שבת מברכים זאָגן מיר תהלים מיט אַ מנין.
- ○ יעדער שבת מברכים ענדיקן מיר די גאַנצע ספר תהלים.

**דו"ח (דין וחשבון)**

○ אַ סאָלדאַט מוז שטענדיק אָפּגעבן אַ דו"ח פון אַלץ וואָס ער טוט. כאָטש איין מאָל אַ חודש שרייבן מיר אַ דו"ח צו דעם רבי'ן.

## החלטה פאר דער חודש:

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

# MY MONTH

Make a summary of all your accomplishment by filling in the total amount you did each thing. One box for each week of the month

- מודה אני ☐☐☐☐
- נעגל וואסער ☐☐☐☐
- הכנות ☐☐☐☐
- נטילת ידים ☐☐☐☐
- ברכות ☐☐☐☐
- בדיקת הציצית ☐☐☐☐
- קריאת שמע ☐☐☐☐
- ברכה ראשונה ☐☐☐☐
- ברכה אחרונה ☐☐☐☐
- צדקה ☐☐☐☐
- מקוה ☐☐☐☐
- תניא ☐☐☐☐
- שש זכירות ☐☐☐☐
- קאפיטל של הרבי ☐☐☐☐
- תהילים ☐☐☐☐
- היום יום ☐☐☐☐
- חומש ☐☐☐☐
- ספהמ״צ רמב״ם ☐☐☐☐
- ישיבת ערב ☐☐☐☐
- מעריב ☐☐☐☐
- הכנת נעגל וואסער ☐☐☐☐
- קריאת שמע - המפיל ☐☐☐☐
- ציצית ☐☐☐☐

**ערב שבת קודש**

- שמו״ת ☐☐☐☐
- מקוה ☐☐☐☐
- הכנות לשבת ☐☐☐☐
- צדקה לשבת ☐☐☐☐
- הדלקת נרות בזמן ☐☐☐☐
- הודו ופתח אליהו ☐☐☐☐

**שבת קודש**

- מקוה ☐☐☐☐
- שבת חסידות ☐☐☐☐
- תפילה בציבור ☐☐☐☐
- קריאת התורה ☐☐☐☐
- הפטורה ☐☐☐☐
- מנחה עם המנין ☐☐☐☐
- מעריב עם המנין ☐☐☐☐

**חודש**

- דו״ח ☐
- קידוש לבנה ☐
- שבת מברכים תהילים ☐

Notes: ______________________________

# א׳ כסלו תשס״ו
## יום שישי

חומש: תולדות – שישי ◆ תהלים: א-ט.
תניא: להבין מ״ש בפרע״ח... -310- דע״ס דז״א.
רמב״ם (פ״א): פרק ד.
רמב״ם (סהמ״צ): מל״ת שנב. שמז. שמו.
רמב״ם (ג׳ פרקים): פרק יב-יד.

**היום יום**

בא ר׳ יקותיאל ליעפלער (דעם אלטען רבי׳ס א חסיד) איז געווען צייטען, וואָס ער האָט געדאווענט שחרית מנחה און מעריב איינע נאָך די אַנדערע, עס איז ניט געווען קיין זמן מפסיק זיין.

**מנהגים**

ר״ח כסלו פירט מען זיך מאַכן אַ סעודת הודאה.

**יומי חב״ד**

## ר״ח כסלו תשל״ח

ר״ח כסלו איז דער רבי ארויס פון 770 און האט זיך אומגעקערט אין דער היים דער ערשטע מאל זינט די געשענישן פון שמיני עצרת. ווען דער רבי האט געהאט א ריזיקע הארץ אטאקע אין מיטן די הקפות.

די עטליכע וואכן נאך שמיני

# MY DAY

| | | | |
|---|---|---|---|
| מודה אני ○ | ברכה אחרונה ○ | היום יום ○ | הודו ופתח אליהו ○ |
| נעגל וואסער ○ | ברכה ראשונה ○ | חומש ○ | מנחה ○ |
| הכנות ○ | צדקה ○ | ספהמ״צ רמב״ם ○ | הדלקת נרות בזמן ○ |
| נטילת ידים ○ | תניא ○ | שנים מקרא ○ | קבלת שבת/מעריב ○ |
| ברכות ○ | שש זכירות ○ | מקוה ○ | הכנת נעגל וואסער ○ |
| בדיקת הציצית ○ | רבי׳ס קאפיטל ○ | הכנות לשבת ○ | ציצית בעת השינה ○ |
| קריאת שמע ○ | תהילים ○ | צדקה לשבת ○ | קריאת שמע המפיל ○ |

**Shabboss candle lighting times:**

| | | |
|---|---|---|
| | Montreal 3:54 pm | Pittsburgh 4:36 pm |
| Chicago 4:00 pm | Morristown 4:13pm | Postville 4:14 pm |
| Houston 5:04 pm | New Haven 4:05 pm | Sydney 7:33 pm |
| London 3:37 pm | New York 4:11 pm | Toronto 4:24 pm |
| Los Angeles 4:26 pm | Ottawa 4:03 pm | Worcester 3:58 pm |

**Morning Shma must be said before:**

| | | |
|---|---|---|
| | Montreal 9:25 am | Pittsburgh 9:43 am |
| Chicago 9:16 am | Morristown 9:22 am | Postville 9:34 am |
| Houston 9:33 am | New Haven 9:16 am | Sydney 9:10 am |
| London 9:43 am | New York 9:19 am | Toronto 9:46 am |
| Los Angeles 9:08 am | Ottawa 9:34 am | Worcester 9:13 am |

Home Review ______________________________

______________________________

______________________________

______________________________ Parents Signature ______________________________

עצרת האבן חסידים געדאוועט און געמאנט ביי דעם אויבערשטן אז דער רבי'ס געזונט צושטאנד זאל זיך פארבעסערן און די פארבעסערונג זאל זיין א פולקאמען.

"מה נהדר מראה כהן גדול בצאתו בשלום מן הקודש".

דער פרייד איז געווען אומבאגרעניצט, אז די חסידים האבן געזען אז דער רבי קערט זיך צוריק אהיים זיינען זיי ארויס אין געזענג און טענץ,

לחיים האט זיך געגאסין דאנקן דעם אויבערשטן פאר די ניסים ונפלאות.

אַז די רביצין האָט געזען די שמחה פון חסידים האָט זי געזאָגט, אַז זי האָט נישט געזען אַזוי פיל שמחה ביי חסידים זינט מען האָט באַפרייט איר פאָטער פון גלות י"ב תמוז פופציק יאָר פריער.

זינט דאַן איז דער טאָג אַ טאָג פון שמחה א טאג דאנקן דעם אויבערשטן פאַר זיין אומבאַ-גרענעצטע גוטסקייט.

## דינים

### יעלה ויבוא

אַז מען האָט פאַרגעסן זאָגן יעלה ויבוא אָדער מען איז נישט זיכער אויב מען האָט געזאָגט יעלה ויבוא צי נישט:

א. אויב מען דערמאָנט זיך נאָך דעם וואָס מען האָט געזאָגט (ברוך אתה) ה', אָבער איידער מען האָט געזאָגט המחזיר (שכינתו לציון), פאַרענדיקט מען למדני חקיך און מען זאָגט יעלה ויבוא און מען איז ממשיך ווי געוויינטלעך (ותחזינה כו').

ב. אויב מען האָט שוין געענדיקט די ברכה און מען האָט שוין געזאָגט המחזיר שכינתו לציון זאָגט מען יעלה ויבוא וואו מען האַלט פאַר מודים און מען דאַרף נישט איבערזאָגן ותחזינה.

ג. אויב מען האָט אָנגעפאַנגען מודים דאַרף מען צוריק גיין צו רצה.

ד. אויב מען האָט זיך דערמאָנט נאָך דעם צווייטן יהיו לרצון, דאַרף מען איבער

דאַוונען שמונה עשרה און מען פאַנגט אָן פון א-דני שפתי תפתח.

ה. אויב מען האָט זיך דערמאָנט נאָך דעם וואָס מען האָט שוין געענדיקט דאַוונען מוסף דאַרף מען זיך ניט אומקערן (צו שמונה עשרה פון שחרית).

### שחרית

- נאָך חזרת הש״ץ זאָגט מען האַלב הלל (חצי הלל). אויך אַז מען דאַוונט ביחידות מאַכט מען אַ ברכה צום אָנפאַנג און צום סוף פון הלל.

- מען זאָגט "הודו לה׳" נאָך יעדער איינע פון די דריי פסוקים "יאמר נא" גו׳, "כי לעולם חסדו" אויך ווען מען דאַוונט ביחידות.

- נאָך הלל זאָגט מען ואברהם זקן, קדיש תתקבל, שיר של יום, הושיענו, ברכי נפשי, קדיש יתום.

- נאָך דעם נעמט מען אַרויס אַ ספר תורה צו קריאת התורה, צו קריאה זיינען פאַראַן פיר עליות.

- מען לייענט אין פרשת פנחס "וידבר גו׳ צו את בני ישראל" ביז "יעשה ונסכו" (במדבר כ״ח א׳-ט״ו), חצי קדיש, אשרי ובא לציון, יהללו.

### מנחה

- אַז מען האָט פאַרגעסן זאָגן יעלה ויבוא צו מנחה איז דער דין ווי צו שחרית.

- אויב מען האָט זיך דערמאָנט די צווייטע נאַכט ראש חודש אַז מען האָט פאַרגעסן יעלה ויבוא צו מנחה זאָגט מען שמונה עשרה פון מעריב צוויי מאָל, דער ערשטער איז חובה און דער צווייטער איז תשלומין.

